STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10639

AMOLIKE BALE TOYVES

Mendele Mokher Sefarim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך“
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

מענדעלע מוכר ספרים. (ש. י. אַבראַמאָוויטש)

אַמאָליקע בעלי טובות.

סצענעס פון דער „טאַקסע“

אויסגעשניטן און צוגעפּאַסט פאַר אַ שול-פאַרשטעלונג דורך ש. באַסטאָמסקי.

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול“
1928

Sz. Abramowicz
„T A K S A“

Drukarnia Notesa i Szwajlicha Wilno, Wileńska 16

אָנטײלנעמער:

ר׳ איציק ספּאָדיק; ר׳ שמעיה תּם;
ר׳ משה בעל תּכלית; ר׳ יוסף מײ=
כעטײסע; ר׳ יודעלע שטאַנדהאַפּט
— דאָס זײנען די טובי העיר, „פּאָפּעטשיטע=
לעס״ פון דער טאַקסע. אַלע זײנען בעלי
צדקות, אָבער נאָר איבער אַ פרעמדער קע=
שענע;

ר׳ ראובן פּיאַווקין — דער „שטאָט=
פּאַװיערענע״

שײנדער און קנעכטבאַרג — צװײ
שרײבער

אַ כאַליאַסטרע בעלי מלאָכות: אַ שנײדערל,
אַ שוסטערל, אַ קירזנערל א. א.

לאָקשעװיץ און פּרײזל — מתנגדים
פון די בעלי=טובות, אָנפירער פון די אָרע=
מעלײט.

(אַ מלוה־מלכה בײַ ר׳ משה בעל־תכלית. די כנופיא פּאַפּעטשיטעלעס זיצן צרום טיש. אויפֿן טיש שטייען פֿלעשלעך בראַנפֿן און װײַן, אַ גרויסער פּאַלומעשיק מיט אַ געבראָטענע גאַנדז און אַ טעלער מיט אײַסערלעך).

ספּאָדיק: (האַלט אַ כּוס אין דער האַנט) לחיים, יידישע קינדער! גאָט זאָל געבן עפּעס ישועות ונחמות אויף יידן, און טאַקע דערבײַ אַ שנת פּרנסה... (ער פֿאַרגלאָצט די אויגן צו דער סטעליע) ישראל עמך צריכים פּרנסה!*) עס איז הײַנט זייער אַ שלעכטע צײַט! עך, עך עך!.. (ער קרעכצט און טרינקט אויס דעם כּוס).

די כנופיא: (קרעכצט אויך מיט די כּוסות אין די הענט). עס איז הײַנט זייער אַ שלעכטע צײַט, השי״ת זאָל רחמנות האָבן! לחיים, ר׳ איצע וואָלף,

*) דײַן פֿאָלק ישראל דאַרף פּרנסה.

לחיים! זאָל טאַקע זיין — זרענו וכספנו ירבה כחול! (אַלע טרינקען און פאַרבייסן).

משה בעל תכלית: (האַלט אַ פלאַקע אין דער האַנט). עס איז, כלעבן, גאָר קיין תכלית ניט צו לייזן 25 קאָפּיקעס פאַר אַן אָקע פלייש אין אַזאַ שלעכטער צייט! גענוג, וואָס מיר כלאַפּאָטשען זיך געבעך מיט דער טאַקסע לטובת הכלל, פאַרוואָס, נעבעך, זאָלן מיר דערלייגן פון אונדזער קעשענע?...

תם: פאַרוואָס נעבעך זאָלן מיר דערלייגן?

שטאַנדהאַפט: דערלייגן זיינען מיר אַוודאי ניט מחויב! יענער זאָל זיך עסן פלייש און מיר זאָלן פאַר אים דערלייגן! פשוט איז פשוט, מע דאַרף פאַרגרעסערן דעם מקח פון פלייש!

רב יוסף: מייכעטייסע! האַ, מע מעג טאַקע פאַרגרעסערן.

ספּאָדיק: (זיפצט) אַוודאי איז אַ רחמנות, כלעבן, אויף די אָרעמע לייט, אויף די אָרעמע יידן נעבעך! נאָר וואָס אָבער זאָל מען טאָן? גאָט קאָן אַוודאי העלפן. דערווייל, מיין איך, וועט ניט קיין סך זיין אַרויפציען אַ פּאָר קאָפּיקעס אויף דער אָקע.

ר׳ יוסף: מייכעטייסע, וואָס קאָן עס שאַטן, האַ?

תם: פאַרוואָס ניט דריי?

שטאַנדהאַפט: פאַרוואָס טאַקע ניט פיר? פיר איז דען אַ סך? וואָס איז, די שטאָט דאַרף דען וויניק האָבן? פון וואַנען וועט מען עס נעמען אויף אַלע הצטרכות?

ספּאָדיק: (פאַרגלאָצט די אויגן און קרעכצט) אַוואַדע, דאַרפן יידן נעבעך זייער פיל האָבן! גו, זאָל שוין זיין, אויב יאָ אַזוי, טאַקע פינף! איין מאָל — איז ניט רעכט קיין זוגות און צווייטנס — צו אַ גלייכן מספר דרייסיק.

ר׳ יוסף: מעכייטייסע, דרייסיק, זאָל זיין דרייסיק!

משה בעל תכלית: און איך זאָג אייך, אַז דאָס איז, כלעבן, אויך קיין תכלית ניט! באַרעכנט זיך נאָר גוט, וואָס איז דרייסיק קאָפּיקעס אין אַזאַ צייט? פאָלגט מיך, כלעבן, לאָזט מיך אויך עפּעס „פּריבאַווען”. (*

ר׳ יוסף: מייכעטייסע, כלעבן, זאָל ער עפּעס אויך פּריבאַווען! ער איז דאָך אויך אַ „פּאָפּעטשיטעל”...

שטאַנדהאַפט: כאַפּט זיך ניט אַזוי צו,

---

*) דערלייגן.

מיין ליבער ר' משה! אמת טאַקע, איר האָט רעכט, איר האָט אויך אַ דעה, מע קען אָבער ניט אַלץ אויף איין מאָל, מע קען ניט אַלץ אויף אַמאָל.

ספּאָדיק: לאָמיר זיך ר' משה, נוהג זיין, ווי אונדזערע הייליקע חכמים האָבן געזאָגט: „תפסת מועט תפסת" *) לאָמיר זיך לעת עתה באַנוגענען מיט דער קליינער סומע... אַ רחמנות, כ'לעבן, אויף די אָרעמע לייט. זאָלן זיי לכל הפּחות נעבעך ביסלעכווייז געווונט ווערן.

תם: פאַרוואָס זאָלן מיר נעבעך ליידן?

ספּאָדיק: (טרייסט תמען) שאַ, כלעבן, רב שמעיה, נו וואָס קען מען מאַכן, כלעבן? נישקשה, השי"ת וועט אונדז דערפאַר העלפן! בזכות זה טאַקע, וואָס מיר טוען פאַר די אָרעמע לייט, וועט אונדז השי"ת העלפן... לעת עתה זאָל אונדזערע איבערגיין, דערנאָך, ווי זאָגט שטאַנדהאַפט, וועלן מיר זען!.. מע קען ניט אויף איין מאָל איבערציען דעם בויגן!.. געדענקט איר, ווי מע האָט זיך נוהג געווען תחילת, ביז מע האָט געשטעלט אויף 25 קאָפּיקעס? אַ רחמנות, כלעבן, אויף די אָרעמע לייט. מע קען ניט אַלץ אויף איין מאָל!

*) ווען דו נעמסט אַ ביסל, בלייבסטו ביי עפּעס,

שטאַנדהאַפּט: דער עולם זאָגט: אַ גויש שפּריכוואָרט איז להבדיל ווי אַ גמרא: „טישע יעדעש — דאַלשע בודעש" דאָס הייסט, ר' איצע וואָלף, אויף יידיש, אַז מע פאָרט פּאַמעלעך, פאָרט מען ווייטער איין.

ספּאָדיק: דער אמת איז טאַקע, מע טאָר זיך ניט איילן, מע דאַרף ניט אויף איין מאָל איבערציען דעם בויגן, פאַרשטייט איר?

די כנופיא: מיר פאַרשטייען, מיר פאַר־שטייען, פאַרוואָס זאָלן מיר עס ניט פאַרשטיין?

(פאָרהאַנג)

II. סצענע

(דיזעלביקע כנופיה, מע מאַכט חידער אַ כוסה און מ׳זינגט דאָס לידל „לחיים, רבי" 2). פּיאַווקין קומט אַריין גאַנץ פריילעך.)

פּיאַווקין: אַ גוטע וואָך! פּאָזדראַווליאַיו 3) אויף אַ פולער וואָך! גאָט האָט געהאָלפן, עס

2) „לחיים, רבי, האָט אַ גוטע וואָך!
שרייט יעדערער באַזונדער, האָך! האָך! האָך!
קיין משקה ניט געזשאַלעוועט,
לאָמיר טרינקען נאָך!
מיר האָבן אויסגעבעטן אַ גוטע וואָך
מיר האָבן אויסגעבעטן אַ גוטע וואָך!

3) איך באַגריס.

איז אָנגעקומען!... איצט, זעט איר, קומט אַ גלגול ווײַן. (ער גיסט זיך אַן אַ גלעזל ווײַן, טרינקט אויס און פאַרבײַסט מיט אײַערלעך).

די כּנופיא (שטאַרק פאַרוווּנדערט): וואָס אָנ־געקומען? האַ, וואָס אָנגעקומען, וואָס?

פּיאַווקין: דאָס געלט! די אָבשטשעסט־ווענע 4) הונדערט טויזנט קערבלעך אָנגעקומען!

די כּנופיא: (אין איין קול) וואָס זאָגט איר!?

פּיאַווקין: דאָס וואָס איר הערט.

ספּאָדיק: (פאַרגלאָצט די אויגן): איך דאַנק דיר און לויב דיר, גאָט!.. (צו תּמ־צן) נו, ר׳ שמעיה, הײַנט זעט איר, ווי השגחת העלפט פאַר ערלעכ־קייט, האַ? וואָס האָב איך אײַך געזאָגט, ערשט נאָר נעכטן געזאָגט? אָט האָט איר אַ מופת!

בעל־תּכלית: הײַנט זעט איר, אַז איך גאַנץ איך! איך טאַקע האָב אַלץ געזאָגט: „וואָס וועט זײַן דער תּכלית פון אַזוי פיל געלט, וואָס האָט זיך פון דער טאַקסע אָנגעזאַמלט בײַ דער „קאַזנאַ“ 5) נאָך פון גאַנץ לאַנג. טאַקע

---

4) געזעלשאַפטלעכע.

5) רעגירונג.

סאַמע פון דער מינוט, וואָס מיר זיינען געוואָרן „פּאָפּעטשיטעלעס?"... כמעט פון דער ערשטער רגע האָב איך אַלץ געשריען: „וואָס וועט זיין דער תּכלית פון אַזוי פיל געלט? פון אַזאַ סומע געלט? לאָמיר אַרויסנעמען דאָס געלט!"

ספּאָדיק: זעט איר, איך האָב טאַקע גוט געראָטן, מע זאָל שרייבן, אַז מע דאַרף דאָס געלט אויף אַ בקור חולים, דאָס האָט אַ סך געהאָלפן.

פּיאַווקין: (מיט חניפה) יאָ, זיי טאַקע האָבן געזאָגט! אַ בקור חולים האָט ר' איצע וואָלף געזאָגט.

בעל תּכלית: אַ גרויסע חכמה, ער האָט געזאָגט! וואָס איז דאָס פאַר אַ תּכלית? מע האָט געדאַרפט, פּשוט אין פּשוט, אַרויסנעמען דאָס געלט סתם. אַזוי וואָלט געווען אַ סך בעסער. בכל האופנים בעסער!

ר' יוסף: מייכעטייסע. אַזוי וואָלט טאַקע געווען בעסער, סתם איז אַוואַדע בעסער!..

תם: ווער האָט עס געדאַרפט וויסן, וואָס מיר ווילן מיט דעם געלט טאָן? ווער האָט זיך צו מישן אין אונדזערע עסקים? מיר זיינען דאָך „פּאָפּעטשיטעלעס"!..

שטאַנדהאַפט: מע האָט דאָך געמוזט

ווייזן דער קאַזנאַ, אויף וואָס מע פֿאַרברויכט דאָס געלט. דעם חשבון מאַכן, דאָס איז שוין אונדזער זאַך.

ספּאָדיק: (טרייסט תּמ׳עו) כ׳לעבן, זאָרגט ניט, ר׳ שמעיה, השי״ת וועט העלפֿן. נישקשה, כלעבן, אַזוי איז בעסער. פֿאַרשטייט איר?

די כּנופֿיא: מיר פֿאַרשטייען, מיר פֿאַר־שטייען! פֿאַרוואָס זאָלן מיר עס ניט פֿאַרשטיין?

פּיאַווקין: (מיט אַ גנבה־שמייכעלע צו ר׳ משה בעל תּכלית) גלויבט מיר, ר׳ משה, איך פֿאַרשטיי אויף אַ תּכלית־זאַך, וואָס עס נוצט פֿאַר דער שטאָט. עס וועט אויסקומען, אם ירצה השם, ווי מע זאָגט, אָגיל ואשמח — קיילעכדיק און שפּיציק!...

שטאַנדהאַפֿט: איצט, רבותים, דאַרף מען זיך באַטראַכטן, וואָס מיר האָבן מיט די איבעריקע געלט צו טאָן, פֿאַרשטייט איר?

בעל תּכלית: (מיט אַ זיס שמייכעלע) איך האָב געוואָלט בעטן דערפֿון אַ גמילות חסד...

ר׳ יוסף: מייכעטייסע, מיר אויך אַ גמילות חסד.

פּיאַווקין: (צו ר׳משה בעל תּכלית) נו, אַ גמילות חסד דאָס איז דאָך אַ מצוה, אַ ייִדישע זאַך. דאָס איז דאָך איינס פֿון די דברים שאין

להם שיעור (צו זיך אליין אין דער זייט מיט א שמייכעלע) דערפאר וועט די שטאָט האָבן עולם הבא!...

ספּאָדיק: איך וואָלט אויך געוואָלט בעטן אַ זעקס—זיבן טויזנט קערבלעך...

שטאַנדהאַפט. מיין דעה וואָלט געוועזן, אַז מ'זאָל דערווייל דאָס געלט איינלייגן.

ר' יוסף. מייכעטייסע, לייגט עס איין ביי מיר.

בעל תכלית: ביי אייך, ר' יוסף, איז קיין תכלית ניט. איך קאָן בעסער פאַרטאָן געלט. איך האָב גראָד איצט אַ פּלאַן.

שטאַנדהאַפט: אַ פּלאַן האָב איך אַ בעסערן, איך נעם דאָס געלט אויף מיר.

די כנופיא: (אין איין קול) ניין, ניין, אַזוי איז ניט גוט, זאָל בעסער זיין ווי פריער!

ת ם. מיר קומט פון דער שטאָט געלט. וואָס האָט מען, נעבעך, צו מיר?

ספּאָדיק: און מיר קומט אויך פון דער שטאָט געלט, פאַרשטייט איר?

די כנופיא: מיר פאַרשטייען, פאַרוואָס זאָלן מיר עס ניט פאַרשטיין? אונדז קומט אויך געלט פון דער שטאָט!..

פיאַווקין: (צו דער כנופיא מיט חניפה) עס

פאַרשטייט זיך, עס קומט אייך פון דער שטאָט!..
איך בין אַן עדות, עס קומט אייך!..

בעל תכלית: גו, רבותי, וואָס וועט זיין דער תכלית פון דעם וויין, בראַנפן, גאַנדז, אייטערלעך? מע דאַרף עס אויסטרינקען, אויפעסן. איך בעט אייך, טוט עפּעס, לאָזט זיך ניט בעטן.

ר' יוסף: מייכעטייסע, עס חלשט מיר טאַקע דאָס האַרץ (ער נעמט אַ כוס אין דער האַנט) לחיים, מיט אַלע פּרושים! לחיים! מייכעטייסע — יידן זאָלן, נעבעך, אויפגעריכט ווערן. מייכעטייסע, ר'איצע וואָלף, זאָל זיין אזוי, ווי איר זאָגט: יידן זאָלן בלייבן דאָס, וואָס זיי זיינען! מייכעטייסע, אַזוי איז אַוואַדע בעסער!

די כנופיא: לחיים, לחיים! יידן זאָלן טאַקע בלייבן דאָס, וואָס זיי זיינען! השי"ת זאָל אויף אונדז רחמנות האָבן!.. (מע טרינקט און מע עסט).

III. סצענע.

אין קאַנצעלאַריע פון קהל. שינדער און קנעכטבאַרג, צוויי שרייבער, זיצן ביי ביכער. ר' משה בעל־תכלית גייט אַרום איבערן צימער. עס דערהערט זיך אַ טומל און ס'קומט אַריין אַ כאַליאַסטרע בעלי־מלאכות אָרעמע לייט.

די כאַליאַסטרע: (אין איין קול) מיר

בעטן אייך מחילה, רבותים, וואָס מיר זיינען אייך מטריח! מיר זיינען דאָך גישט מער ווי פּראָסטע מענטשעלעך...

שינדער: (קוקט אָן די כאַליאַסטרע פאַרחוני דערט) זאָגט געשווינד, וואָס איר ווילט, וואָס ווילט איר?

די כאַליאַסטרע: וואָס זאָלן מיר וועלן! מיר זיינען, כ'לעבן, פּראָסטע מענטשעלעך, זייט אונדז מוחל, רבותים!

קנעכטבארג: מיר ווייסן ניט, וואָס איר ווילט! זאָל איינער ריידן!

אַ שניידערל: לאָזט מיך, איך וועל ריידן. רבותים! מע זעט ניט די וועלט...

אַ שוסטערל: שאַ, איך וועל ריידן! קיינער ווייס ניט, וועמען דער שוך קוועטשט! רבותים! נאַט זעט, ווי איך האָב מיך צעשטאָכן די הענט מיט דעם אָל. זייט אייך משער — איין ליכטל אויף דער גאַנצער שטוב. אין איין ווינקל — איך מיט די פּועלים, אין דעם אַנדערן פליקט מיין ווייב פעדערן... מיר מוטשען זיך, רבותים, אויף דעם שטיקל ברויט, מיר עסן ווערים. מע זיצט אין נעץ און קעלט, דאָס ליכטל ברענט פינצטער, שפּריצט, שמעלצט זיך...

אַ קירזנערל. (איין אויג פאַרהאַנגען מיט

שטיקל בלאָען צוקערפּאַפּיר) זעט, זעט, רבותים, מיר האָבן שוין די ליכטלעך איין אויג אַרויס־גענומען! עפּעס ברענען זיי מיט אַ רויטן פלאַם, אַז עס שטעכט פּשוט די אויגן, ווי מיט אַ מע־סער, און דערפאַר צאָלן מיר אַזוי טייער!

שינדער. נו, מילא, וואָס זשע ווילט איר? וואָס ווילט איר האָבן?

די כאַליאַסטרע: האָט רחמנות אויף אונדז, אָרעמע לייט! טאַקע פריער גאָט, דער־נאָך איר! מיר האָבן שוין מער קיין כח ניט אויסצוהאַלטן. דער אַרענדאַר פון די ליכט טוט אונדז אָן צרות, געבראָטענע לייד.

בעל תכלית: שאַ, מע קען טויב ווערן פון אייער געשריי! זאָל כאָטש איינער ריידן!

דער שניידערל: שאַ, שטילער, עולם! לאָזט מיך, איך וועל ריידן (צו ר׳ משהן) מע דערלעבט קוים דעם שבת, אַ ביסל אָפּצודיכען און זיצן ביים טיש מיט ווייב און קינ־דערלעך. קוים אָבער האָב איך מיך נעכטן גע־זעצט צום טיש, האָבן די ליכט אָנגעהויבן זיך צו שמעלצן און צו שפּריצן. מיינער כאַפּט אַ קוילעטש, לייגט אַנטקעגן די ליכט, פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט — עס העלפט נים. די ליכט קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ...

דער שוסטערל: שאַ, לאָזט מיך ריידן! (צו ה' משה:) אַ גאַנצע וואָך ווי מע לעבט, לעבט מען. שבת פאַרזעצט מען אַ משכּן, כאָטשע זיך פליישיק מאַכן, כאָטשע פאַרזוכן אַ ביסל געקעכץ... מיט וואָס פאַר אַ שמחה קוקן די קינדערלעך, נעבעך, אַרויס אויף דעם פרייטאָג צונאַכט... עפּעס אַ לעק טאָן, עפּעס אַ כאַפּ טאָן... נו, זאָלט איר געוועזן זען,—ווי מיין ווייב האָט נאָר אויפגעהויבן נעכטן די שיסל צום טיש, האָט זיך צעפלאָכטן דער קנייט פון די ליכט און אויסגעפלאַקערט אין איין מינוט, אַז מיר האָבן געמוזט דאָס ביסל לאָקשן אין דער פינצטער אויסזופּן...

בעל תּכלית: וואָס זשע זיינען מיר שולדיק? וואָס ווילט איר פון אונדז האָבן?

די כאַליאַסטרע: מיר בעטן אייך מחילה, רבותים. דער אַרענדאַר פון די ליכט פאַרענטפערט זיך אַלץ, וואָס אַז — איר געמט ביי אים צוועלף-הונדערט קערבלעך אַ יאָר!

קנעכטבאַרג: (אויפגעבראַכט). מיר נעמען דאָך דאָס געלט טאַקע פאַר אייך, טאַקע לטובה פאַר די אָרעמע לייט?

איינער פון דער כאַליאַסטרע: אויף דעם סמך מישט ער חזיר אין די ליכט

און לייזט מיט עטלעכע גראָשן טייערער פאַר אַן אָקע. דאָס טראָגט אים אַ יאָר איין נאָך אַ סך געלט!

שנײדערל: און אינגאַנצן ווער לײדט? מיר! טאַקע מיר, אָרעמע לייט! בײַ די נגידים ברענען לאָמפּן, אָדער סטאַרין-ליכט, זיי קערן זיך גאָר ניט אָן מיט דעם אַרענדאַר. פון אונדז, נעבעך, לופּעט ער די הויט...

די כאַליאַסטרע: גוואַלד, האָט רחמנות, פאַרקויפט אונדז ניט צו דעם אַרענדאַר!

שינדער: סטייטש מיר נעמען דאָך בײַ אים דאָס געלט פון אײַער טובה וועגן!

שוסטערל: די טובה קאָסט אונדז זייער טייער! מיר בעטן אײַך, נעמט ניט בײַ דעם אַרענדאַר דאָס געלט, זאָל ער ניט האָבן קיין תירוץ. האָט רחמנות, טוט אונדז ניט די טובה און נעמט בײַ אים ניט דאָס געלט!...

שינדער: אַ העזה אַ ביסל פון עמי-הארצים. זיי קומען אונדז זאָגן אַ דעה! — אָט האָט איר יידן, גײַ טו זיי טובות!...

בעל תכלית: אַ שיינער תכלית, כ'לעבן. ניט נעמען בײַ דעם אַרענדאַר קיין געלט!...

קנעכטבאַרג: וואָס האָט איר זיך דאָ

געשטעלט מיט זיי טענהן? מיט יידן ווילט איר אויסקומען!

דער שוסטערל: (נעמט ארויס פון אונטער דער פאלע א ליכט) נאט, זעט מיט אייערע אויגן, אט האב איך אייך געבראכט אויף א צעקא־וועשן א ליכט.

בעל תכלית: הולטיי. וואס האלסטו א חלבנע ליכט אין די הענט! אוועק, טריפ־יאק! אוועק פון מיינע אויגן!

שינדער: (צו דער כאליאסטרע) גייט אייך, זייט מוחל, גייט אייך! מע דארף ניט אייער דעה, לערנט אונדז ניט קיין שכל. מסתמא ווייסן מיר, וואס מיר טוען!

די כאליאסטרע: אז אך און וויי איז אונדז! (איינער ברעכט די הענט, דער אנדערער שלאגט מיט א קולאק זיך אין הארצן און דער דריטער אין קאפ, צלע גיבן א קרעכץ אין איין קול און גייען ארויס).

IV. סצענע.

די פריערדיקע, אנגעפירט פון לאקשעוויץ און פרידל. די טיר פון דעם פראיעקט עפנט זיך אויף מיט אימפעט און דער עולם שטויסט זיך אריין.

לאקשעוויץ: (אויף א קול צום עולם) שרייט צאן קדושים! דא איז דאס ארט, ווו מע שערט

אייך, ווּ מע לופּעט אייך! דאָ איז דאָס אָרט, ווּ די בעלי טובות געוועלטיקן און גיבן אַרויס גזרות רעות, ווי אַזוי מע זאָל ביי אייך דאָס לעצטע אַרויסדראַפּען!

פרידל: (צום עולם) שרייט, וויינט, פּילדערט, יידן! פאַרוואָס זייט איר פּלוצלים געבליבן שטיל? פאַר וועמען האָט איר מורא?

אַ קול אין דעם עולם. טאַקע, באמת, פאַרוואָס זאָלן מיר זיין ווי שאָף, וואָס מע שערט זיי, און זיי שווייגן? טאַקע, באמת, טאַקע! וואָס האָבן מיר מורא פאַר די בעלי טובות?

אַ צווייטער: מיר זיינען שוין קראַנק פון די טובות! מיר וועלן חלילה שטאַרבן פון זייערע טובות!

אַ דריטער: ווּ איז אַהינגעקומען אַזוי פיל געלט? אַזוי פיל יידיש בלוט?

אַ פערטער: אַ גוזמא. מער פון זעקס הונדערט טויזנט קערבלעך!...

ערשטער: זאָלן זיי אָפּגעבן אַ חשבון! פאַרוואָס זאָלן זיי ניט אָפּגעבן קיין חשבון!

צווייטער: אַ מלוכה אַפילו גיט דאָך אויך אָפּ אַ חשבון! סטייטש, ווּ זיינען די פאָרמענע ביכער? זאָלן זיי ווייזן די ביכער!

דריטער: ספּאָדיק, טוט אויס די קאַ־פּאָטע! דאָס איז מיין קאַפּאָטע!

פערטער: (ווייזט מיט דער האַנט אויף שינדערן) אָט איז דער שינדער, דער בלוטזייגער! קוקט אים נאָר אָן, דעם גרויסן יאָלד מיט די וואָנ־צעס, ער האָט אַ פּנים ווי אַ וואָלף!

איינער פון דעם עולם: נײן, ער האָט אַ פּנים ווי אַ קאָץ!

אַ צווייטער: ווי אַ צאַפּ!

אַ דריטער: גיט אים אַ טאַפּ!

אַ פערטער: אַגו, גיט אים אַ כאַפּ!

אַ פינפטער: אָ, דו אַלטער סקראַב!

אַ זעקסטער: ווו איז דער דראַב! (שינ־דער באַהאַלט זיך הינטער קנעכטבאַרגס פּלייצע).

לאָקשעוויץ: וואָס טויג ער אייך? שינדער איז דאָך גיט מער ווי אַ הונט, ווי אַ געטרייער הונט! זאָג, שינדער, האָב איך רעכט? זאָג, זאָג, וואָרום, ווען ניט...

קנעכטבאַרג: (צו שינדערן) וואָס קען מען מאַכן? זאָגט, אים שוין, ר׳ יאָסל, מע קען אייך נאָך חלילה ברעכן די ביינער. זאָגט יאָ און ווערט פּטור.

שינדער: (מיט אַ ציטערדיק קול) יאָ... איך טו, וואָס מע הייסט מיר...

פרידל: קומט, עולם! צו זייער טריף גליק זיינען דאָ ניטאָ די בעלי טובות.

א קול פון דעם עולם: הלוואַי, זאָלן זיי שוין מער ניט זיין! (דער עולם גייט ארויס).

V סצענע.

(אַן אסיפה פון דער בנופיא פּאָפּעטשיטעלעס אין פּראָיעקט).

שינדער: (זיצט אין אַ ווינקל און שרייבט. בעל תכלית קומט אריין).

בעל תכלית: עס איז אַ טאַראַראַם, אַ געדודער צווישן דעם עולם. מע שרייט איין קול: חשבון! אַ שיינער תכלית, כ'לעבן!

ר' יוסף: מייכעטייסע, וואָס אַרט עס זיי?

תם: איך ווייס ניט, וואָס חשבון? מיר מוטשען זיך, מיר כלאָפּאָטשען זיך, געבען היפּשע עטלעכע יאָר אַלץ לטובת הכלל, לטובת הכלל און היינט נאָט אייך דעם דאַנק, דעם יישר כוח, גיב זיי חשבון!

שטאַנדהאַפט: ווער זיי?! ווער זייגען זיי?! לאָקשעוויץ, פּרידל דער קליינער מיט עטלעכע פערכלעך קבצנים. בעלי-מלאָכות! אויך מיר מענטשן!

ספּאָדיק: אָט ווער הערט זיי, די הול-

טאַיעס, די לײדיקגײער. די עמי־הארצים? איך פרעג אײך, װער איז די שטאָט? מיר אָדער די קבצנים, די בעלי מלאָכות? הא, װער איז די שטאָט? װער איז די שטאָט?—פרעג איך.

בעל תכלית: נאָך שענער. זײ שרײען ביכער! װו זײנען די פּאָרמענע ביכער? אַ שײ־נער תּכלית, כ׳לעבן, גיב זײ ביכער!

ר׳ יוסף: מײכעטײסע, װאָס אַרט עס זײ?

תּם: איך װײס ניט, װאָס הײסט ביכער?! אָט האָט איר דעם דאַנק. גײ מוטשע זיך פֿאַר ײדן, טו ײדן טובות!

ספּאָדיק: װאָס מיר ביכער! װער מיר ביכער! — נישטאָ קײן ביכער, פֿאַרברענט גע־װאָרן די ביכער! פֿאַרשטײט איר?

די כנופיא: מיר פֿאַרשטײען, מיר פֿאַר־שטײען, פֿאַרװאָס זאָלן מיר עס ניט פֿאַרשטײן?

שטאַנדהאַפט: (אַ ביסל מיט מורא) פּונ־דעסטװעגן װאָלט מײן עצה געװעזן, מע זאָל לאָקשעװיצן פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל, זאָל ער נישט בילן.

בעל תכלית: אַ שײנער תּכלית, כ׳לעבן, איטלעכן פֿאַרשטאָפּן! װײניק מײלער דאַרפֿ׳ מיר, נעבעך, אָן דעם פֿאַרשטאָפּן?! נישקשה, אפשר אַ זיבן, אַכט, ניין, צען אַלטשטעטיקע

לייטישע יידן מוזן מיר נעבעך פאַרשטאָפּן די מיילער!... סטייטש, פון וואַנען לעבן זיי, אַז ניט פון אונדז?!.

תּ ם: פאַרוואָס נעבעך זאָלן מיר לייזן? פאַרוואָס זאָלן מיר איטלעכן פאַרשטאָפּן? פאַר-וואָס זאָלן מיר נעבעך אים דאָס מויל פאַר-שטאָפּן?

ספּאָדיק: מכּות אים! די שטאָט האָט פאַר אים קיין מוראָ ניט! וואָס הערט אַזעלכן אַ שטאָט! די שטאָט האָט, ברוך השם, ווי אַהינ-צוטאָן געלט! אוואַדע איז אַ רחמנות, כ׳לעבן, אויף די אָרעמע לייט, דערווייל „בעז-פּאָקאָיעט״ ער זיי נעבעך, דער גזלן, דער רוצח!...

תּ ם: וואָס האָט ער זיך צו מישן אין אונד-זערע געשעפטן? מיר מישן זיך אין זיינע עסקים? מיר זאָגן אים דען אַ דעה? אונדז גייען אָן זיינע עסקים?

שטאַנדהאַפּט: (כּלומרשט מיט שטאַרקייט) ניכאַיי ליודי מאָוו, אַ יאַ זדראָוו!*) (אַ ביסל מיט מורא) זיי אַרבעטן מעשים, מע זאָל די טאַקסע איבערגעבן אין אַנדערע הענט!

ספּאָדיק: ר׳ יאָסל איז געפאַלן זייער

*) זאָלן לייט הײדן, אַבי איך בין געזונט.

אויף אַ גוטער עצה: היינו, — מע זאָל זיי שיקן זאָגן: באשר אַזוי ווי מיר האָבן שוין אָנגע־גרייט פאַר דער שטאָט אַ ים אָקסן, פאַר אַ גוזמא אָקסן און האָבן זייער מרבה בהוצאה געווען, בכן זאָל מען אונדז טאַקע באַלד אומ־קערן גאָר אַ גרויסע סומע געלט מיט אַלע אונדזערע „אוביטקעס", נעבעך, אלאָ ניט, זאָלן מיר בלייבן אויף ווייטער, ביז מיר וועלן אויכ־שעכטן די מחנה אָקסן. פאַרשטייט איר?

שטאַנדהאַפּט: (מיט אַ שמייכעלע) איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי זייער גוט! נו, האָט מען געשיקט זאָגן?

ספּאָדיק: אַ שאלה אַ ביסל! פּיאַווקין איז נאָך אינדערפרי געגאַנגען זיי זאָגן. די הולטאַיעס, די בעלי מלאָכות, די עמי־הארצים האָבן אויך געמאַכט אַן אַסיפה!! כאַ, כאַ, כאַ! די גראָבע יונגען, די פּראָסטע מענטשעלעך מאַכן אויך אַסיפות!... אַז אָך און וויי טאַקע היינטיקע צייטן, צו היינטיקער וועלט! עס איז בעוונותינו הרבים געוואָרן אַ שיינע וועלט... (ער זיפצעט און קרעכצט).

די כּנופיא: (קרעכצט אויך) ניטאָ די אַמאָלעדיקע צייטן! עס איז היינט גאָר ניט די וועלט, וואָס פאַרצייטן!...

בעל תכלית: פריער איז טאַקע איך תכלית אַריין געווען גוטע צייטן: יידן זיינען געווען פיין, שטיל, בהכנעהדיק און די ברכה האָט עפעס בעסער שורה געווען..

שינדער: פונדעסטוועגן קען נאָך גאָט העלפן, עס זאָלן זיך נאָך אומקערן פריערדיקע יאָרן, אַמאָליקע צייטן... (ער טוט א קוק אין פענצטער) אָט וועלן מיר שוין וויסן. פיאַווקין גייט.

VI סצענע.

די פריערדיקע, פיאַווקין קומט אַריין מיט א פּאַפּיר אין דער האַנט.

די כּנופיאָ: (אומגעדולדיק) נו, וואָס איז, ר' ראובן? וואָס האָט איר דאָרטן אַזוי לאַנג שיהות געמאַכט?

פיאַווקין. (ווישט אָפּ מיט דער האַנט דעם פּנים) אַ, ניכאַי איך!.. איך האָב דאָרטן געהאַט אַ גוט שטיקל אַרבעט, נישקשה! עס איז מיר אַרויס די נשמה, ביז וואַנען איך האָב אַרויס־דערטאַפּט אָט־אָ־דאָס! (ער ווייזט אויף דעם פּאַפּיר אין זיין האַנט).

שינדער: (צו פיאַווקינען) נו, וואָס? איר האָט געזאָגט? איר האָט זיי דאָס געזאָגט?

פיאַווקין: אַ חידוש אַפילו, אויב איך האָב געזאָגט! וואָס דען? איך בין גלאַט גע־

גאַנגען „בעסעדעווען" מיט די ממזרים! עס איז מיר אַוואַדע ניחאָ געווען דאָס לעבן צו־צו־הערן זייערע שטעכווערטער אויף מיר, אויף אייך און אויף איטלעכן פון אונדז.

שטאַנדהאַפּט: (מיט שטאַרקייט פלומרשט) גיכאַי ליודי מאָוו, אַ יאָ זדראָוו.

די כּנופיאָ: נו, מילא, מילא, האָבן זיי געזאָגט... וואָס איז בעסער געבליבן? וואָס איז דער סוף?

פּיאַווקין: דער סוף איז געבליבן, איין ברירה, איר זאָלט ווייטער, ווייטער בלייבן.. בזה האופן, אַז מע זאָל צו אייך צוועצן אַ פּאָר נייע.

בעל תּכלית: אַ שיינער תּכלית, כּ'לעבן, אַ פּאָר נייע פאַרשוינען נאָט אייך אויף אונדזער קאָפּ, אַ נייע פּאָר!

תּם: פאַרוואָס נעבעך אַלץ אויף אונדזער קאָפּ; פאַרוואָס זאָלן מיר אַלץ ליידן?

פּיאַווקין: דאָס איז נאָך ניט, כּלעבן, אַזאַ גרויס אומגליק, די צוויי נייע זייגען פון די דאָזיקע פּיינע־בריהם, וואָס מע פאַרשטאָפּט זיי שטילערהייט די מיילער.. עס איז דאָ נאָך אַ תּנאַי, נאָך אַ יעזשעלע, נאָט אייך דעם „פריגאָוואָר", און לייענט! (ער גיט דעם גרויסן

פריגאַטאָר, אויף עטלעכע בויגן הערבאָווע פּאַפּיר מיט אַ סך חתימות, ספּאַדיק אין דער האַנט).

ספּאַדיק: (קוקט אין פּאַפּיר ווי אַ האָן אין „בני אדם“ און מאַכט מיט די אַקסלען) מאָ—מאָ... בע, בע... נאָט לייענט איר, זייט מוחל, ר׳ משה!

בעל תכלית: (פּרווט זיך לייענען) בע... האָ? וואַרט, וואַרט אַביסל... עס איז, דאַכט זיך, אַ בוקי*).

ר׳ יוסף: (קוקט אַריין פון דער זייט) יאָ, טאַקע, כלעבן, דאַכט זיך, אַ בוקי!

בעל תכלית: (שטופּט אַריין געשווינד דעם פּריגאַוואַר ר׳ יוספן) אדרבה, כלעבן, לייענט איר, ר׳ יוסף! למאַי זאָלט איר זיך נעבעך מוטשען אַריינקוקן פון דער זייט? איר וועט נאָך חלילה קאַליע מאַכן די ראיה.

ר׳ יוסף: (שטופּט געשווינד אַריין דעם פּריגאַטאַר תמען) מייכעטייסע, ר׳ שמעיה, לייענט איר! מייכעטייסע, איר זייט דאָך עפּעס פּאַרט עלטער, איר האָט מיט אַ צען יאָר פריער פאַר מיר חתונה געהאַט.

תמ: (זייער תמעוואַטע) איך בין אייך, שטאַנד-

*) בוכשטאַב „בע“.

האפט, מכבד מיט קריאת הפריגאָוואָר! איר זייט דאָך א געלערנטער.

שטאַנדהאַפּט: (קוועטשט זיך אביסל) בערד... בערדיט... בערדיטש... אָך, ניכאַי יעהאָ! וואָס פאַר א מין האַנד דאָס איז! וואָס איז דאָס פאַר א צוויי אותיות צום סוף פון דעם דאָ־זיקן וואָרט? דאַכט זיך—ע, ווע, און דערנאָך א טוויאָרדע זנאַק... מאַכט עס צום סוף—עוו... אָך, ניכאַי יעהאָ... ווער וועט זיך שטעלן לייענען אַזאַ כתב, זאָגט פּשוט, ר׳ ראובן, זאָגט: וואָס איז דאָ נאָך פאַר א תנאַי? (ער גיט אָפּ פּיאַווקינען דעם פריגאָוואָר).

פּיאַווקין: מע האָט דאָ אַרויסגעוואָרפן צוויי פון די אַלטע פּאָפּעטשיטעלעס.

די כּנופיאָ. וואָס הייסט אַרויסגעוואָרפן? למאַי האָט איר גענומען אַזאַ פריגאָוואָר?

פּיאַווקין. (געלאַסן) נישקשה, פאַרלאָזט זיך אויף מיר, איך פאַרשטיי אַן עסק.

די כּנופיא: הא, וועמען אַרויסגעוואָרפן, וועמען?

פּיאַווקין: ר׳ משהן און ר׳ שמעיהן.

בעל תּכלית: מיך? פאַר מיין פּי, פאַר מיין פּראַצע?!

תּם: (מיט א רחמנות־פּנים) פאַר וואָס גראַד

מיך? נעבעך, מיך?

פיאווקין: שאַ, כלעבן, נישקשה! ווער הערט זיי, די שקצים? מיט גאָטס הילף, איך וועל זיי פירן אין באָד אַריין! איך האָב אַ גלייכע עצה, ווי אַריינצונאַרן זיי אין זאַק.

די כנופיאָ: גיכער, ר' ראובן! זאָגט, וואָס האָט איר פאַר אַן עצה?

פיאווקין: גאָר אַ פּראָסטע עצה. היינו, מע זאָל איצט גאָר פאַמעלעך אַראָפּנעמען דעם ערשטן בויגן פּאַפּיר פון דעם אָפּגעהאַטענעם פּריגאָוואָר, צולייגן אָנשטאָט דעם אַן אַנדער בויגן און דאָרט אַריינשטעלן אַלע אַלטע גע־וועזענע פּאָפּעטשיטעלעס ווי פריער, דערצו נאָך זאָל מען בפירוש פאַרבאָטן, אַז די אָבששטשע־סטווע וויילט זיי אויס בזה הלשון: אַזוי און אַזוי ווי מע ווייסט זיכער, אַז זיי, די פּאָפּע־טשיטעלעס, אַזעלכע און אַזעלכע, זייגען ער־לעכע לייט, זאָרגן תמיד לטובת הכלל, כלאַ־פּאָטשען זיך...

ספּאָדיק: (פאַלט אַריין אין די רייד) פריבאַ־וועט טאַקע נאָך אויך „מוטשען זיך", אַזוי וועט זיין שטאַרקער.

בעל תכלית: פריבאַוועט אויך: זיי קוקן אין תכלית אַריין — דאָס וועט בעסער נעמען.

פּיאַוועקין (זעצט פאַר) כלאָפּאָטשען זיך. מוטשען זיך, נעבעך, קוקן אין תכלית אַריין און ברענגען אַיין זייער פיל דער שטאָדט מיט זייערע תחבולות, מיט זייער גוטסקייט, מיט זייער פרומקייט און ערלעכקייט...

שטאַנדהאַפּט: (שלאָגט איבער די רייד) פריבאַוועט טאַקע אויך: מיט זייער בילדונג. מיט זייער אויפקלערונג—דאָס וועט אַ סך העלפן! איך ווייס, מיט וואָס צו נעמען...

פּיאַוועקין: (הייבט אָן נאָכמאַל) מיט זייער גוטסקייט, מיט זייער בילדונג, מיט זייער אויפ־קלערונג, מיט זייער פרומקייט און ערלעכקייט. לכן אַ פּאַטאָמו, ווײלט מען זיי ווידער פאַר פירער און מע באַפרייט זיי פון חשבון. מע פאַרלאָזט זיך פריער אויף גאָט, דערנאָך טאַקע אויף זיי, אי פּראָטשע, אי פּראָטשע...*)

די כּנופיא: (פריילעך) אָך, זייער גוט, ר' ראובן! אָט וואָס הייסט לערנען אין אַ חדר?

ספּאָדיק: גאַנץ גלייך, וואָס איר האָט אַריינגעשטעלט „מע באַפרייט זיי פון חשבון", פאַרשטייט איר?

---

*) און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

די כנופיאָ: מיר פאַרשטייען, פאַרוואָס זאָלן מיר עס ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָלן מיר עס ניט פאַרשטיין?

פיאַווקין: הערט אָבער דעם שפּיץ, אם־כּן קען שוין דאָך דער פריגאָוואָר אייך דינען פאַר אַ קוויט, אַז איר האָט חלילה נישט גהנה געוועזן פון אָרעמע געלט, און איר האָט שוין ניט פאַר דער תּאַנס לעת עתה, וואָס מער מורא צו האָבן. איצט פאַרשטייט איר, למאַי איך האָב בײַ זיי גענומען אַ פריגאָוואָר? נישקשה, איך האָב זיי מיט גאָטס הילף אָפּגעטאָן אויף טערקיש!

די כנופיא: אַוואַדע, ר׳ ראובן, האָט איר זיי געפירט אין באָד אַריין! אַוואַדע האָט איר זיי געשטעלט אַ חופּה! איצט, זעט איר, וואָלט מען זיך געדאַרפט נעמען צו לאָקשעוויצן, צו דעם פּראָצענטניק, מע זאָל אים אַ פּיק טאָן שטילערהייט, ווו מע דאַרף. זאָל ער האָבן זיך צו קראַצן, זאָל ער ווייטער וויסן, ווי זיך צו טשעפּען מיט אַ שטאָט!...

שטאַנדהאַפּט: (מיט אַ ווונק צו פיאַווקינען)
גו, וואָס הערט זיך מכּח דעם, וואָס איך האָב אייך געזאָגט? האָט איר אים שוין פאַרזאָרגט?

פיאַווקין: וואָס קלערט איר דאָ?

מסתמא האָב איך אים שוין גוט פאַרטראַכטן מע האָט שוין אָוועקגעשריבן... ער וועט אויף זיך האָבן אַ גוט פעקל! טרוקן וועט שוין דער פּראָצענטניק ניט אַרויס, ער וועט זיך, נישקשה, מוזן אָפּשאָקלען מיט אַ שיינעם גראָשן!

שטאַנדהאַפט: אַ שיינע ריינע כפּרה! ער וועט שוין פאַרזאָגן דעם צענטן.

די כנופיא: מיר שטויסן זיך אָן, וואָס איר רעדט. מיר פאַרשטייען, מיר פאַרשטייען, וואָס איר מיינט. קיין פינגער אין מויל דאַרף מע אונדז, ברוך השם, ניט אַריינלייגן.

ספּאָדיק: (מיט אַ יראת־שמים־פּנימל) און איך, זעט איר, שטויס מיר ניט אָן; אַז צוויי מענטשן ריידן אַ סוד, וויל איך גאָר ניט הערן. איך פאַרשטיי, אָסור ניט, ביי מיין יידישקייט, וואָס ר׳ יודל און ר׳ ראובן שמועסן דאָ עפּעס צווישן זיך...

פּיאַווקין: (צו דער כנופיא) פונדעסטוועגן מיין עצה איז, נאָך אַלע זאַכן זאָל מען פאָרט שלום ווערן מיט לאָקשעוויצן און מיט פריידלען. ווי זאָגט מען עפּעס: בעסער צען גוטע פריינד איידער איין שונא. אַוואַדע אָנלערנען לאָקשעוויצן שטילערהייט, ער זאָל ניט וויסן,

פון וואַנען די קויל האָט אים געטראָפן, דאָס איז נייטיק; נאָר ווידער שלום ווערן מיט אים, דאָס איז אויך נייטיק; איך דאַרף עס האָבן צום עסק. איך האַלט זיך טאַקע אַלץ ביי מיי־נעם: אַ פּאַטש און שלום! אַ ביס, אַזש ציינער זאָלן שטיין, און טאַקע ווייטער חבר!

ר׳ יוסף: מייכעטייסע, אַ פּאַטש און שלום!

שטאַנדהאַפּט: מיינע ווערטער! איך האָב נאָך פריער געזאָגט, מע זאָל אים פאַר־שטאָפּן דאָס מויל, זאָל ער ניט בילן! איך קען די וועלט...

פּיאַווקין: אַזוי, אַזוי בלייבט עס. דער־ווייל אַ גוטן טאָג! איך מוז גיין באַוואָרענען נאָך עטלעכע זאַכן (ער גייט אַוועק).

אַלע: אַ גוטן! אַ גוטן!

פאָרהאַנג.